STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03463

LEYB NAYDUS

Aaron Joel Zacusky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בוענאָס-אײַרעס
29 יוני 1951

א. י. זאַקוסקי

לייב נײַדוס

סעפּאַראַטער אָפּדרוק

פון

„גראָדנער אָפּקלאַנגען“

בוענאָס־אײַרעס, 1951

PRINTED IN ARGENTINE

A. JOEL ZACUSKY: — LEIB NAIDUS

Separata de la revista
"Ecos de Grodno"

Buenos Aires, 1951

Talleres Gráficos Julio Kaufman, Av. Corrientes 1976

1

מיר גייען איצט ריידן וועגן אַ דיכטער, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ דרײַ און דרײַסיק יאָר צוריק (דעם 23סטן דעצעמבער 1918, אין גראָדנע, אין דער זעלביקער שטאָט וווּ ער איז אויך געבוירן געוואָרן מיט אַכט און צוואַנציק יאָר פֿריער, דעם 6טן אָקטאָבער 1890). ער האָט זיך קוים ערשט געהאַט צעבליט, און אין אַזאַ ווּנדערלעכער פּראַכט, ווי נאָר אַ זעלטענע בלום, וואָס צעעפֿנט זיך נאָרוואָס. און פּונקט ווי די זעלטענע בלומען לאָזט מען נישט לאַנג אויף זייער קוסט און שטענגל, נאָר מען שנײַדט זיי וואָס גיכער אָפּ און זיי לעבן שוין נישט זייער נאָרמאַל נאַטיר־לעך לעבן, בליען נישט אָפּ, און עס קען זיך שוין פֿון זיי נישט אויסשטיין און צײַטיקן קיין רײַפֿע פּירות — אַזוי איז אויך זײַן לעבן אונטערגעשניטן געוואָרן. נישט אויסגעבליט זיך, נישט אויסגעשטאַנען זיך, נישט געצײַטיקט קיין רײַפֿע פּרוכט; נישט אויסגעלעבט דאָס לעבן און געמוזט אַוועק פֿון דער וועלט.

דאָס איז געשען אין די סאַמע שרעקלעכע יאָרן פֿון דער ערשטער גרויזאַמער וועלט־מלחמה (1914—1918) און דעם אָנ־הייב פֿאַר איבערקערענישן, וואָס האָבן צוגעזאָגט גרונטאויסיקע ענדערונגען אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער מענטשהײַט. דער ענדציל פֿון די דאָזיקע אומבײַטן האָט געזאָלט זײַן פֿולשטענדיקע גאולה, דערלייזונג. די דערוואַרטונגען און אויסזיכטן פֿאַר די ענ־דערונגען זײַנען געווען קאָלאָסאַל גרעסערע, ווי די ווירקלעכקײַט האָט בכלל באַוויזן וואָס צו געבן. וועמעס שולד? נישט איצט איז די צײַט דערפֿון צו ריידן. מחמת דאָס לעבן אויף דער גאַנצער וועלט שטייט אַצינד ווידער אין קאָן און די סכּנות זײַנען איצט*) אומגעהײַער — כּפֿל־כּפֿלים — גרעסערע ווי דעמאָלט. אויב מ׳האָט

*) געשריבן אין 1942, מיט געוויי נײַן יאָר צוריק. הגם אַ סך זאַכן האָבן זיך זינט דעמאָלט אומגעביטן, האָט זיך אָבער דאָס עצם וועלט־בילד נישט געענדערט.

אין יענע און אַ ביסל שפּעטערע יאָרן געמיינט, אַז די וועלט שטייט בײַם שוועל פון אומקום, איז איצט די אַנגסט און מורא פאַר חרבות באַרעכטיקטער און די געפאַר פּילפאַכיק ממשותדי־קער. זי לויערט איבער אונדזערע קעפּ ווי די דאַמאָקל־שווערד. לאָמיר טאַן אַלץ פּטור צו ווערן פונעם שונא, וואָס האָט געוואָלט און וויל אונדז אַלעמען פאַרטיליקן, אָדער — ווייניקסטנס — פאַרפירן צוריק צו אַ הייל־לעבן, דורך די ראַפינירטסטע און, אין תוך, באַרבאַרישסטע אויסראָט־מיטלען. און ווער, אויב נישט מיר — דער מאָדערנער מענטש — האָבן, אין גײַעג און געאײַל נאָך נײַעס, אויסגעפונען די אַלע כלי־זין אומצוברענגען און פאַרניכטן? אַ מאָדנער פאַרכישופטער קרײַז: אַלע גוטע כוונות, וואָס דער — נאַיִווער? — זוכנדיקער בן־אָדם האָט געהאַט מיט זײַנע דערפינ־דונגען לטובת דער מענטשהײַט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן לרעה איר. אָבער אויך דאָס ווילן מיר איצט נישט באַרירן. קודם לאָמיר זען אויסראָטן דאָס בייז. — נאָר ווי אַזוי? — צי קען מען טאַקע אין די פאַרשיידענע חלוקי־דעות און אַלערלייאיקע מיינונג־שטרײַטן פון די, וואָס שטייען איצטער כלומרשט — און בפירוש געצוווּנ־גענערהייט — געאייניקט, פאַרזען אַן אויסלאָז צום גוטן? און מעג מען זיך אויף עמעצן פון זיי פאַרלאָזן? אָט דאָס איז אַ פּראָבלעם. און אַ דרינגענדיקס ביז גאָר. ווײַל עס קען דאָך גרײַלעך זײַן, אַז אַ כיטרערער זאָל אין אַ געוויסן מאָמענט אויסנוצן די סיטואַציע פאַר זיך גופא... אַז מיר לעבן נישט אין אַ צײַט פון באַשטענדי־קײַט און רעזאָנירן —־ איז דאָך קלאָר. אַז צוזאָגן און אָפּמאַכן האָבן נישט קײַן האַפט — איז ווידער אַ מאָל באַשײַמפּערלעך. און אַז אין אַזעלכע (מלחמה און אומבײַט) צײַטן באַוועלטיקט דער ווילקירלעכער פּסיכאָז — איז אַוודאי און אַוודאי ריכטיק...

ווי געזאָגט, ווילן מיר איצט ריידן וועגן אַ דיכטער, וואָס איז געשטאָרבן אין אַן ענלעכער צײַט, ווי די איצטיקע. בײַ דעם דאָזיקן פּאָעט איז אָבער נישטאָ קײַן סימן דערפון, וואָס דעמאָלט איז אַלץ געשען. קײַן ווײַטער אָנדײַט איז אַפילו דערויף נישט פאַראַן. ווען מען לייענט אים, קען מען מיינען, אַז ער האָט געלעבט אין דער פײַנסטער, בליענדיקסטער תקופה פונעם לעבן אויף דעם ערד־קײַלעך. אַז דער מענטשן־מין האָט נישט געהאַט קײַן אַנדערע דאגות און קײַן אַנדערע עסקים צו דערלייזדיקן, אחוץ אײַנצואָר־

דענען און גוטשטעלן זײַן לירישע געפילן־וועלט. בײַ אים איז אַלץ הארמאָניש, פּערפעקט.

אָבער צווישן די הונדערטער לידער זײַנע איז דאָ איינס, וואָס באַקומט איצט אַ ספּעציעלן ווערט. אין שלל פון קאָלירן, ריחות, טענער, קלאַנגען, דינסטע ניואַנסן, טײַערע שטיינער, בלו־מען און עקזאָטיק, איז עס ווי פאַרדעקט, פאַרגאָסן, פאַרשווענקט געוואָרן. נישט אַרויסצוזען. איצט, וויבאַלד מיר האָבן עס שוין ענדלעך מחמת די אומשטאַנדן אַרויסגעפונען — באַקומט עס אַ באַזונדערן באַדײַט. עס פּאַסט זיך הײַנט אַרײַן, ווי דעמאָלט — און אפשר איצט מערער נאָך — סײַ אין אונדזער שטימונג, סײַ אין אַלעמענס געפילן, פאַרלאַנגען, שטרעבונגען, אַספּיראַציעס און האָפענונגען.

לאָמיר לאָזן ריידן דאָס ליד אַליין. עס הייסט „נ י ש ט ת מ י ד". אָט איז עס:

נישט תמיד נאָנט איז דיר דער שלום,
דער ליבעס ציטעריקער טרוים;
נישט תמיד ליב איז דיר דער חלום
אונטער דעם ווײַסן עפּלבוים...

ס'איז דאָ אַ צײַט, ווען ס'ווערט פאַרביטן
דער טרוים אויף קאַמף, די בלום אויף שווערד;
ווען ס'ווערט דאָס האַרץ פון פאָלק צעשניטן,
און ס'דעקט אַ רויטער טוי די ערד...

ס'איז דאָ אַ צײַט פון גרויסע שטרײַטן,
פון שיינער הייליקער געפאַר;
געעפנט ווערן נײַע ווײַטן,
און שטיין ווערט — גאַס, און שקלאַף ווערט — שר!

און ווײ צו דעם, וואָס האָט אויף וואָפן
נישט אויסגעטוישט זײַן צאַרטן טרוים,
און האָט די שטורעם־שעה פאַרשלאָפן
אונטער דעם ווײַסן עפּלבוים!..

אחוץ דעם אַלגעמיינעם ווערט, רעדט עס נאָך, דאָס ליד, די־רעקט צו אונדז, ייִדן. ווײַל בײַ וועמען נאָך „ווערט דאָס האַרץ פון פאָלק צעשניטן", ווי בײַ אונדז? און מיט וויפל פון אונדזער בלוט „דעקט אַ רויטער טוי די ערד" ווו נאָר אַ העק? מען קען נישט זיין מסופק, אַז דאָס האָט דער דיכטער געמיינט אונדז: עס

איז דאָס ערשטע ליד אין דער אָפּטיילונג „מײַן פאָלק"*). אָבער בײַ אים, ווי בײַ יעדן וואָרן דיכטער, האָט אַ נאַציאָנאַל געפיל זיך דערהויבן הויך און ברייט אין וועלט־מאָסשטאַב צו אַלמענטש־לעכקײַט.

איצט איז שוין איבער דרײַ צענדלינג יאָר זײַט אונדזער באַרד איז געשטאָרבן. אפשר וועט דער פּאָעט צום דריטל יאָרהונדערט נאָך זײַן טויט דערשײַנען ווי אַ נביא און ס'וועט טאַקע זיך שוין אָנהייבן אויסשיילן דאָס אַנטשיידנדיקע גוטס פאַר אונדזער אַלע־מענס וווילזײַן? אפשר וועט דאָס זײַן די ענדגילטיקע „צײַט פון גרויסע שטרײַטן, פון שיינער הייליקער געפאַר"? אפשר וועלן לסוף שוין „געעפנט ווערן נײַע ווײַטן" און ס'וועט זײַן נאָנט צו ווירקלעכקײַט „דער שלום, דער ליבעם ציטעריקער טרוים", און מען וועט קענען אָנהייבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל טאַקע רויִק חלומען „אונטער דעם ווײַסן עפּלבוים"?.. — דאָס איז געווען דער חלום פון אונדזערע נביאים, און געירשנט בײַ זיי — אויך אונדזער חלום.

אין דעם שיר „צו מײַן פאָלק" פאָדערט אויף דער זעלביקער דיכטער זײַן אומה:

גלויב איז דײַן עתיד מיט פעסטן בטחון,
גלייב אין דײַן קינפטיקן גרויסן נצחון, —

נו, גלויבן מיר.

און מיט דער דאָזיקער גרויסער האָפענונג אין האַרצן גייען מיר איבער פאַרצושטעלן פאַר אײַך די וועלט און צו באַקענען אײַך מיט דעם דיכטער —

לייב נײַדוס.

*) אין בוך „ליטווישע אראַבעסקן".

2

לייב נײַדוס *). אַ דיכטער, פֿאַר וועלכן אַלץ איז געווען געזאַנג, קאָליר און מוזיק. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן מיט די לײַדן און מיט די פֿריידן — און געזונגען. ער האָט ליב געהאַט די נאַטור, די פֿרויען, די בלומען און די ליבע גופֿא — און געזונגען. אים האָט געלאָקט דער גריכישער מיטאָס און די אָריענט־עקזאָטיק — און געזונגען. און ווו איז ער אין פֿאַנטאַזיע נישט אויסגעוועזן? אויפֿן אָלימפּ, אין די טראָפּישע וועלדער, אין פּאַגאָדעס בײַם הייליקן גאַנגעס; צוגעפּײַקלט אויף אַ צימבאַלן־טאַמבורין צום טאַקט פֿון די כּישופֿנדיקע באַוועגונגען פֿון אַ שלאַנגיש־בייגעוודיקער מיזרח־טענצערין; זיך געשיפֿט אונטער ווייכע רירנדיקע מאַנדאָלין־קלאַנגען אין אַ גאָנדאָלע איבער די ווענעציער קאַנאַלן; מיטגעגאַנגען מיט קאַראַוואַנען איבער מידבריות, און מיטגעמאַכט אַרגאָנויטישע און קאָרסאַרישע אַוואַנטיורעס איבער ימען... זיך געחברט מיט פּאַזאַנען, קאָליבריס, שימפּאַנזעס, קאַקאַדוס, טיגערס. ווי אַ ייִנגלש־פֿאַרליבטער פֿוין זיך געיאָגט און געסודלט מיט נימפֿעס און פֿעעס. זיך געשפּילט מיט די טײַערסטע שטיינער און זאָרגלאָז־שטיפֿיק צעוואָרפֿן אַלעקסאַנדריטן, רובים, אָפּאַלן, שמאַראַגדן, טאָפּאַזן. אומגעפּלאַטערט ווי אַ שמעטערלינג און בין צווישן די איידלסטע און זעלטנסטע בלומען און געוויקסן און געטרונקען פֿון זייערע כוסעלעך נעקטאַר... אַלע געפֿילן, לײַדנשאַפֿטן, דערשײַנונגען, קאָלירן, אין די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע ניואַנסן און שאַטירונגען, זײַנען אים געווען נאָנט און אייגן. און פֿאַר אַלץ האָט ער געפֿונען דאָס ריכטיקע וואָרט, קלאַנג, ריטם און פֿאָרם. אויף דעם געביט איז ער געווען אַן אומפֿאַרגלײַכלעכער מײַסטער. און ער האָט געמעגט דרײַסט זאָגן, אַז

ער בלאַנקט מיט אַ געשליפֿנקײַט פֿאַרנאַסער —
מײַן שטרענג־געטאָקטער, זיכערער סאָנעט!
ער איז ווי אַלט פֿראַנצויזישער קלאַרעט,
צעשוימט און שטאַרק און אַז אַ טראָפּן וואַסער...

*) זע מײַן עסעי Sonetistas Judíos אין ייִדיש־שפּאַנישן זשורנאַל Judaica רעדאַגירט פֿון שבֿנא רעזניק ע"ה, נ"נ 83 און 84, יאַר 1940.

אָבער נישט בלויז דעם סאָנעט, נאָר מיט אַלע קלאַסישע פּאָעטישע פאָרמעס בכלל — אָקטאַוועס, טריאָלעטן, טערצינען, סאָנעטן, גאַזעלן, אאַז״וו — האָט ער זיך באַנוצט זעלטן וווּנדער־לעך שיין. אַלע פערזפאָרמעס, פערזנמאָסן און ריטמען, וואָס זײַנען נאָר בנימצא, האָט ער באַהערשט מיט דער לײַכטקײַט פון אַ ווירטואָז. תמיד עלעגאַנט, גראַציעז, שפּילעווּדיק און האַרציק. עמאָציע און טעכניק שטענדיק האַנט אין האַנט. צום באַדויערן איז, וואָס נישט תמיד האָט ער אַרײַנגעגעבן אַ גענוגן טיפן אינהאַלט אין זײַנע עקזאָטישע און כישופנדיקע כלים. דאָס האָט זיך געגנר־מען מחמת זײַן אַנטציקטקײַט פאַר די פאָרמען און צוליב דער שפּראַך־ און קלאַנג־עשירות גופא. ער האָט זיך לײַדנשאַפטלעך פאַרכלינעט מיט זיי. און דאָס האָט אים געשטערט אַרויסצוברענ־גען, צײַטנווײַז, דאָס ליד אויך אין תוכן גאַנץ און פול.

נאָר זאָל מען מיר גוט פאַרשטיין: איך מיין דאָ ד ע ם אינהאַלט, פאַר וועלכן עסטעטן שרעקן זיך אַזוי און באַקעמפן אים כמעט, און וואָס פאַר די אַנהענגער זײַנע, די וואָס זוכן תמיד ת כ ל י ת , פאָדערן תוך און ממשותדיקס, מיינט עס ציל־באַוווּסטקײַט אינעם זין פון טענדענץ. סאָציאַלע פּאָעזיע, בלע״ז — אינעם זין ווי ס׳ווערט פאַרשטאַנען הײַנט צו טאָג. נו, נײַדוסן איז בכלל געווען פרעמד יעטווועדע טענדענץ אין ליטעראַטור, און אוודאי איז ער געווען ווײַט פון מאַטעריעלער פּראַקטישקײַט און פון זוכן אַ תכלית אין לעבן. זײַנע השגות זײַנען געווען גאָר אַנ־דערע. נײַדוסעס וועלט איז געווען די פּאָעזיע, און געלעבט האָט ער מיט און פאַר איר. דאָס איז געווען די לופט וואָס ער האָט גע־אָטעמט און דאָ האָט ער געצויגן זײַן יניקה און חיות. — אָבער געזאַנג צוליב געזאַנג איז דאָך אויך אַ ציל! און שיינקײַט צוליב שיינקײַט — אוודאי און אוודאי! און בפרט דאָס געזאַנג און די שיינקײַט זײַנען אָנגעזאָפּט און דופטן מיט העלענישקײַט... איך מערק דערויף אָן תיכף בײַם אָנהייב, כדי די נאָכקומענדיקע לויב־ווערטער זאָלן נישט אויסקומען אומבאַגרינדעט, קאַפּריציעז, אויס פאַרליבטקײַט — כלומרשט — וואָס מאַכט בלינד.

אום כדי די שפּאַניש־לייענער זאָלן זיך קענען שאַפן אַ באַ־גריף, וואָס לייב נײַדוס איז געווען פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וועל איך דאָ אָנרופן אַ נאָמען, וואָס וועט מיר פאַרשפּאָרן רייד

און זיי וועט ער שוין אַלץ זאָגן: ר ו ב ע ן ד א ר ! אָ. אָט־אָט. געטראָפֿן אין סאַמע פּינטל. און ענלעך אין אַלע הינזיכטן. אָבער נישט בלויז באַנײַער, נאָר אויך דערפֿינדער, אָרדענער, קאָאָרדינירער און אײַנפֿירער פֿון נײַסן און נײַיקײַטן. צו באַגרײַפֿן וואָס דאָס באַדײַט, דאַרף מען קענען די אָרעמקײַט און פּאַרוואָרלאָזטקײַט פֿון דער ייִדישער דיכטונג אין יענער צײַט. נאָך נישט געווען אין ייִדיש קײַן שפּור פֿון עכט און אמת קינסטלערישער פּאָעזיע. געווען ערשטע סימנים פֿון ריין לירישן, אינדיווידועלן ליד, אָבער אין אַ שטאַרק פּרימיטיווער פֿאָרם נאָך. דאָס סאָציאַלע ליד האָט שוין יאָ געהאַט דעמאָלט אַ געוויסע טראַדיציע, נאָר אין סטרוקטור אויף אַ נישט גאָר הויכער מדרגה. אַ קוואַליטאַטיוו גאַנץ און פֿול אויסגעפֿורעמטע קינסטלערישע, אינדיווידועל־כאַראַקטעריסטישע, שאַפֿונג איז נאָך כמעט נישט געווען באַקאַנט דעם ייִדישלייענער. דאָס האָט מען ערשט געדאַרפֿט אַרײַנברענגען אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, און דאָס איז געווען לייב נײַדוסעס עובדא און אויפֿטו. — צום גרויסן אומגליק האָט דער דיכטער געלעבט בלויז אַכט און צוואַנציק יאָר און זײַן לעצט וואָרט האָט ער נישט געזאָגט.

נישט שווער צו פֿאַרשטיין, אַז בײַ אַזאַ פֿריער עלטער קען מען צו יענער געטרוימטער אידעאַלער פּערפֿעקציע פֿון פֿולשטענדיקער אינטעגריטעט נישט דערגיין. זעלטן ווער עס באַווײַזט אין אַזאַ קורצן לעבנסצײַט־אָפּשניט צו דערקומען צו איר. צו דעם זײַנען ראוי בלויז די אויסדערוויילטסטע גײַסטער, צו וועלכע מען קען לייב נײַדוסן טיילווײַז צורעכענען. וויפֿל יאָר בכלל קען מען ביז אַזאַ עלטער אַרבעטן באַוווּסטזיניק, אינטענסיוו? דערווײַל איז ער נאָך געווען פֿאַרנומען מיט דער אויסערלעכער — טעכנישער — טייל פֿון דער דיכטונג. און אין דער הינזיכט — אויף דעם געביט פֿון סטראָף־ און פֿערז־געשליפֿנקײַט — איז ער באמת געווען אַ פֿענאָמען. אַ יחיד במינו. דאָ האָט ער דערגרייכט אַ נישט־איבערשטײַגלעכע מדרגה. דאָס האָט ער אַרויסגעפֿירט אויפֿן ברייטן שליאַך די ייִדישע פּאָעזיע. דאָס האָט ער צוגעגרייט און אָנגעוויזן דעם וועג די מײַסטער פֿון פֿערז אין דער ייִדישער ליטעראַטור הײַנט צו טאָג. איז אָבער דערגאַנגען עמעץ צו זײַן שלימות? באַנוצט עמעץ מיט אַזאַ לײַכטקײַט, גראַציע און נאַטיר־

לעבקייט, ווי ער, די קאָמפּליצירטע און ראַפינירטע פאָרמען? אמת, טייל דיכטער זיינען איצט קאָנצענטרירטער און, במילא, טיפער. וויפל צייט אָבער האָט עס זיי געדויערט ביז זיי האָבן זיך עס דערוואָרבן? איך האָב דאָ אין זינען די, וואָס זיינען געקומען אין דער ליטעראַטור אין איין צייט מיט אים, כאָטש אויך אויף אַן אַנ־דער קאָנטינענט. זייערע היינטיקע טעמעס זיינען אונדז נענטער, ווייל זיי פאַרנעמען זיך מיט צאַפּלענדיקע לעבנס־פּראָבלעמען. מיר קענען דאָך אָבער נישט וויסן וועגן וואָס לייב ניידוס וואָלט א י צ ט געזונגען, ווען ער לעבט. אפשר וואָלט ער מיט דעם שוין — אַזוי פּריצייטיק — דערגרייכטן און מיט דער דערפאַרונג, וואָס די יאָרן וואָלטן אים געגעבן, גאָר נישט געבליבן הינטערשטעליק לגבי קיינעם אַפילו אויף אַ האָר, און מיגלעך נאָך אַוועק וויט פאָרויס?..

און קומט שוין צו רייד, איז כדאַי איין וועגס אויך צו געבן אַ שריט וויטער: שוין לאַנג צייט צו געבן לייב ניידוסן דאָס ריכ־טיקע אָרט וואָס עס קומט אים. און ס'קומט אים אַן אָרט סאַמע אויבן אָן, ביי דער מיזרח־וואַנט. און נישט בלויז ווי אַ דיכטער, נאָר אויך ווי אַ לערער. אָבער ביי אונדזערע פּאָעטן איז, צום באַ־דויערן, בפירוש דאָ אַ נייגונג אים צו פאַרזען, פאַרקוקן. בכלל איז אינעם מענטשן פאַראַן אָפט אַ נטיה צו פאַרלייקענען דעם רבין, פאַרגעסן אים אָדער אַרויסטרעטן קעגן אים. פּונקט ווי דאָס יאָ אָנערקענען אים וואָלט פאַרמינערט דעם אייגענעם ווערט, אָדער געמאַכט לפּחות זיך אַליין אומחשובער! און דאָס זעלביקע געשעט מיט אונדזערע דיכטער אין זייער באַציִונג צו לייב ניידוסן. פאַקטיש איז ניידוס געווען רבי, וועגווייזער. אַלע, בלי־גוזמא, האָבן זיך ביי אים געלערנט שרייבן אַ ליד. אָבער אָפן וויל דאָס קיינער נישט מודה זיין.

אָבער צוריק. נאָר בלויז כאָטש פאַר דעם וואָס ער האָט שוין געהאַט אויפגעטאָן, האָט ער געמעגט זאָגן וועגן זיך שטאָלץ און אָן מורא:

איך בין דער איינציקער, וואָס האָט געפונען
אין אונדזער מאַמע־שפּראַך דעם שיינעם קלאַנג;
איך האָב אַנטפּלעקט אין איר געהיימע זונען,
קמיעות טייערע פון רייכסטן בלאַנק.

איך בין דער איינציקער, וואָס האָט פאַרשטאַנען
צו מאַכן פאַרביקער דעם גרויען רוים;

אַזוי ווי פּעדערן פֿון די פּאַזאַנעז,
לויכט רעגנבויגנדיק מײַן פּערז געהיים.

איך בין דער איינציקער, איך בין דער איינער,
וואָס וועבט דעם לופּטיקסטן מוזיק־געשפּין,
פּאַרשווענדט אײַך צירונגען, צעשטראַלטע שטיינער
מיט די שאַטירונגען פֿון פּײַנסטן מין.

איך בין דער איינציקער, וואָס קאָן באַוועגן
אין ריטמען בויגעוודיקע אוֹנדזער שפּראַך,
וואָס האָט זי אָפּגעווענדט פֿון שמאָלע שטעגן,
און זי אַרויסגעפֿירט צום ברייטן שליאַך.

דאָס איז נישט אומעניוות, און נישט גרויסהאַלטערײַ, און אַוודאי נישט פּוסט איבערנעמען זיך אָדער גאווה. דאָס איז בלויז באַוווּסטזיין. גאָר איינפֿאַך און פּראָסט; נישט מער — אויב דאָס איז ווייניק. איינער וואָס ווייסט צו וואָס ער צילט (און נײַדוס האָט עס געוווּסט!) און ער' טוט ערלעך און געוויסנהאַפּטיק אַלדאָס פּליכטיק מעגלעכע און גראָדע צו גיין גלײַך בכדי צו גרייכן דעם ציל — מעג דאָך פּאַרשטיין און וויסן ווי ער האַלט אין דער וועלט. און האָט אויך רעכט צו זאָגן אָפֿן וואָס ער האָט יאָ און נישט דערגרייכט. און ער האָט אַוודאי זיכער רעכט אויף חשבון־הנפֿש. און פּונקט ווי אויף די דורכפֿאַלן מעג ער דאָך געוויס אויך זײַן באַוווּסטזיניק אויף די דערגרייכונגען. דאָס איז דאָס נאַטירלעכע רעכט פֿון יעדן ערלעכן, גוטמיינענדיקן און גוטטוענדיקן מענטשן. דאָ קלעקט נישט קיין אָרט פֿאַר פֿאַלשער עניוות. לייב נײַדוס איז געווען גערעכט צו זיך און מ'האָט אים נישט געקאָנט פֿאַרוואַרפֿן, אַז ער שאַצט זיך איבער. ער האָט דערמיט בלויז געזאָגט דעם אמת.

און די טענות, וואָס מ'האָט צו נײַדוסן, אַז ער איז נישט גענוג טיף, קען מען בלויז טיילווײַז אָננעמען, הגם גערעכטס איז דאָ אין זיי. קודם־כל דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט דעם פֿריען טויט. ער האָט נישט געקענט דערקומען בײַ זײַן יוגנט און יוגנטלעכער התלהבות און פֿאַרליבטקייט צו פֿולשטענדיקער, אַלץ כוללדיקער פּערפּעקציע. און, אַגב, ווידער, איז אויף אים אַליין אויסגעפֿאַלן צו פֿיל אַרבעט אָפּצוטאָן; דערצו נאָך אויף אַ נישט צעאַקערטן באָדן. אָבער, איבעריקנס, זײַנען דאָ בײַ אים גענוג לידער און פּאָעמעס מיט בולטע אָנדײַטן אויף אַ שטרעבן צו פֿאַרטיפֿונג און פֿאַרמענטשלעכונג. און אויך אַנדערע, טאַקע גאַנצע שוין, מיט טיף

מענטשלעכן אינהאַלט, אמתע שעדעווערס. און אַט זיי ווײַזן אָן, אַז ער וואָלט גאָר גיך דערגאַנגען צום העכסטן אויסדרוק, אידעאַל.

און אַז ער האָט געשטרעבט דערצו, דערויף ווײַזן אָן זײַנע איבערדיכטונגען פון דער קלאַסישער ליטעראַטור און פון דעם, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר זײַן מורה־דרך: פּושקין. אויך דאָ, אַגב, ווי אַ פּאָעטן־איבערזעצער, איז ער איינציק. פאַרגלײַכן צו זײַנע איבערדיכטונגען פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, באָדלער ("Les fleurs du mal", וואָס באַשטייט דאָס רוב פון סאָנעטן), ווערלען, מעטערלינק, גאָטיע, קנוט האַמסון און נאָך און נאָך פּאָעטן, — פאַרגלײַכן צו די איבערדיכטונגען קענען זיך בלויז די אָריגינאַלן פון די שעפער גופא... (לייב נײַדוס האָט נאָך זיך געלאָזן אַ ירושה, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויף זעקס דיקע בענדער — מערקט ווי פּרוכטבאַר ער איז געווען! — פון זיי זײַנען ביז איצט דערווײַל דערשינען נאָר פינף. צוויי בענדער אַנטהאַלטן איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, אָנגעהייבן פון דער אַלט־גריכישער ביז צו דער מאָדערנער). האָט איר געלייענט בײַ אים עדגאַר עלען פּאָס „גלעקער“? איז דער אָריגינאַל באמת טאַקע אַזוי קלינגענדיק, שטאַרק און ווירקנדיק?

●

וועגן נײַדוסן קאָן איך קיין מאָל נישט ריידן רויק און גלײַכגילטיק. שטערט מיר די — אפשר אומבאַגרענעצטע — ליבשאַפט צום באַרד אים ריכטיק אָפּצושאַצן? ניין. ער האָט אַ סך חסרונות, וואָס איך זע און אָנערקען זיי. אָט, אַ שטייגער, די שוין אויבן געבראַכטע. אויך זײַן צו פיל און לײַכטזיניק שפּילן זיך מיט גראַם און קלאַנג. אפשר שוין איבערמאָסיק געזינדיקט צוליב אַ זעלטענעם גראַם, צוליב אַ חידושימדיק־שיינעם קלאַנג (דערבײַ האָט ער, אַגב, אַרײַנגעבראַכט אַן אָנצאָל נײַעסן און באַנײַאונגען. לאָמיר דאָס אָנערקענען און גערעכנקען). און, אחוץ דעם, זײַן נאַיִוויטעט און דאָס וועלן אַרײַנפירן אַ סאַלאָן־מעסיקן טאָן, וואָס האָט נישט קיין האַפט און אָנהאַלט אין יידישן לעבן... פאַר אים איז דאָס, מעגלעך, געווען נאַטירלעך אָננעמלעך: ווײַל אַ זון פון אַ גוטבאַזיצער, האָט ער זיך אפשר געהאָדעוועט און דערצויגן אין אַזאַ אומגעבונג. — נו, איז דאָס אַ טייל פון די אָן אַ שיעור שוואַכ־

קײַטן אינעם מענטשן. און שוואַכקײַטן זײַנען מענטשלעך. האָט דאָך שוין טערענציוס געזאָגט: Homo sum, humani nihil a me alienum puto. — טו לאָמיר דאָס אים פאַרגעבן. און בפרט ווײַל ס'איז אַן אומזין צו קומען איצט מיט טענות: דער מײַסטער איז דאָך שוין נישטאָ, זײַן ווערק איז בלויז געבליבן...

אָבער נישט פון אַלץ פאַלט אויף אים די שולד. סיבות דערפון דאַרף מען זוכן אין דער השפעה וואָס עס האָבן אויף אים געהאַט זײַנע עלטערע צײַט־גענאָסן, די רוסישע און פראַנצייזישע דיכטער, און אויך די פריערדיקע, אונטער וועמעס אײַנפלוס ער האָט זיך געפונען. דער לײַכטער, פוסטער, אָבער קלאַנגפולער איגאָר סעווועריאַנין, אַ שטייגער, צי דער פרעכטיקער, דורכדרינגיקפילבאַרער און שטאָלץ־פאָזעדיקער קאָנסטאַנטין באַלמאָנט. אויך דאָס פריוואָלערע און לײַכטע, אויבנאויפיק גענומען, פון שאַרל באָדלער און פאָל ווערלען. דאָס לײַכטע, קלאַנגפולע, שפילעוודיקע, טומלדיקע לאָקט גיכער און ווערט תמיד אויפגעכאַפט תיכף פון אַלעמען. דאָס איז שוין די אייגנשאַפט פון פוסטן: עס מאַכט אַ טומל — דערהערט מען עס. ס'איז אַ כלל: דאָס פילקאָליריקע, אויסערלעך גלאַנציקע, שימערירנדיקע איז מאָמענטאַן ווירקנדיקער און צוציִענדיקער. עס רייצט און פאַרנאַרט. און מחמת עס שטעלט נישט קײַן שטאַרקן ווידערשטאַנד און היות עס זײַנען נישטאָ קײַן מניעות און מען קען עס בײַקומען אָן שוועריקײַטן — ס'הייסט: ווײַל גרינגער — במילא קריגט עס באַלד בעלנים, אָנהענגער און נאָכמאַכער. דאָס ערנסטע, טיפע, גרונטעוועדיקע, נויטיקט זיך אין צײַט, בכדי מע זאָל עס קענען פאַרשטיין, און ערשט דעמאָלט קען עס אויפגענומען ווערן. מען דאַרף עס פריִער קענען צעקײַען און דערנאָך פאַרדייעט מען עס ערשט. אויף אָנצושטרענגען זיך זײַנען קײַן סך בעלנים נישטאָ. און, אַגב, איז עס אויך אַן ענין פון געשמאַק. איז עס טאַקע שטענדיק אויסגעשטעלט אויף איינצלנע מענטשן, געשולטע, דערפאַרענע, מיט גוט אַנטוויקלטן חוש און ראַפינירטן געשמאַק. און וויפל זײַנען דאָ אַזעלכע? זאָל זיך קיינער נישט ריכטן אויף מער ווי אַן ענגן קרײַז.

און נײַדוסן האָט עס טאַקע נישט אויסגעמיטן צוליב זײַן אומדערפאַרנקײַט: געוועזן באַרוישט פון דער בלענדיקײַט און חידושימדיקײַט, גערירט פון פאַרבלענדטקײַט און פאַרשיכורטקײַט.

איז נאָך געווען צו יונג צו זײַן אין גאַנצן זעלבשטענדיק און קוקן מיט אַן אויג פון אַ רײַפן. איז ער דאָך געשטאָרבן אין אַן עלטער ווען אַנדערע הייבן ערשט אָן... ווי האָט עס מיט אונדז געלערנט דער געניטער תנא אין פּרקי אָבות? „בן שלשים לכח“ און ערשט „בן ארבעים — לבינה“...

און אַז ער האָט זיך סוף־כל־סוף אָנגעהייבן אויסניכטערן פון איבערפלעכלעכן צײַטגײַסט און אומגעווינטשטע — כאָטש לאָקנדיקע — ווירקונגען, קאָן מען אַרויסדרינגען דערפון, וואָס ער האָט זיך גענומען איבערזעצן די דיכטער־קלאַסיקער, אויף וואָס איך האָב שוין אָנגעוויזן, און אויך פון זײַנע לעצטערע אָריגינעלע שאַפונגען (כמעט אַלץ, וואָס קומט אַרײַן אין „דאָס בוך פון פאָעמען“; זײַנע „אינטימע ניגונים“, די אַקוואַרעלן „די פּלייט פון פּאַן“ אינעם בוך „ליטווישע אַראַבעסקן“ און גאָר אַ גרויסע צאָל לידער, וואָס זײַנען צעוואָרפן צווישן זײַנע געזאַמלטע ווערק). דאָס איז אַ גענוגנדיקער באַווײַז, וואָס שטרײַכט אונטער און באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז ער האָט געוואָלט און געזוכט צו ג ע פ י נ ע ן ז י ך אַ ל יי ן און זיך פאַרטיפן.

און נאָך: ער האָט אינסטינקטיוו און בפועל־ממש פאַרגעפילט אַ פריִען און גיכן טויט (עס איז ניכר בולט אין אַ שפּאָר ביסל לידער), האָט ער געאַרבעט פיבערהאַפטיק, אָנגעשטרענגט, אינטענסיוו. געוואָלט, משמעות, שאַפן וואָס מערער, צו בלײַבן געדײַען. אַז זײַן געזונט איז פון גרויס אָנשטרענגונג און איבעראַרבעט געווען געבראָכן פיזיש און גײַסטיק אויסגעשעפּט — האָט עס אים אַלץ נישט אָפּגעשטעלט און נישט געשטערט צו שרײַבן. געשריבן אײַליק, אָן איבעררײַס. קיינער האָט אים נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון שאַפן. נישט געווען מיגלעך אים צו־ווענדן צו רו, העמען צו קומען צו זיך. אַפילו נישט די מוטער האָט עס געפועלט. אויף אַלע וואָרענונגען, טענות און בקשות האָט ער געהאַט בלויז איין תשובה: „איך לייג די גאַנצע געוויכט נישט אויף דער ל ע נ ג פון לעבן, נאָר אויפן אַ י נ ה אַ ל ט“.

נאָר אַזוי צי אַזוי, איך דאַרף זיך פאַר דעם יונגן פאַרליבטן פרינץ נישט אײַנשטעלן. ער רעדט פאַר זיך אַליין. די נאַטור, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין דער ייִדישער פּאָעזיע דורך די דיכטער ביז און לאַנג נאָך אים, איז באַשטאַנען פון אַ חושכדיק־

פאַרוואָלקנטן הימל, אַ וויינענדיקן; פון ביימער מיט פאַרוועלקטע אַראָפּפאַלנדיקע בלעטער, אָדער נאַקעטע שוין; די ערד — בלאָטעס, בלאָטעס, בלאָטעס. בלייך, גראָ, פאַרבלאָזן אַלץ, אַן לעבן. בית־עלמין־אַטמאָספערע. נישט מער. ס׳איז האַרבסט־קאָליר — זאָגט איר? יאָ; אָבער אַן דער פּראַכט פון פאַרב־געמיש, אַן דער שפע און דאָס צוזאָגנדיקע אויף להבא, וואָס דער האַרבסט ברענגט מיט זיך אין דער ווירקלעכקייט... און דער זעלביקער טאָן הערשט אויך אין די געמיטער, שטימונגען, געפילן, אין דער ליבע, די טרוימען, באַגערן. ס׳איז אפשר דאָ פאַר דעם אַ סיבה: דאָס שווערע יידישע לעבן, די אָרעמקייט, דחקות, אומזיכערקייט מיט דער עקזיסטענץ, די קלאָגעדיקע באַדינגונגען, רדיפות... נו, ריכטיק. אָבער פּאָעטן דאַרפן זיך קענען אַרויסהייבן דערפון, באַפרייען זיך פון פאַרפלאָנטערנדיקן און דערדריקנדיקן שפּינפאַרוועב, זיך שטעלן איבער דעם טאָג־טעגלעכן און אַרויפציען צו זיך די פאַרשמאַכטע, אַריינשפּריצן אין זיי דערהויבנדיקע אידעען, אויפוועקן באַגערן, וואָס דרעמלען בלי־ספק אין יעדערן, אָנרעגן, געבן שווונג, אָנונגען.

איז ניידוס טאַקע געווען דער היפוך צום איינגעפּירטן, איינגעזעסענעם און הערשנדיקן. די נאַטור האָט ביי אים באַקומען איר אייגן פּנים, איר איינגעבוירענע מראה און אויסזען לויט צייט, שעה, סעזאָן און וועטער. אמת, דאָס לעבן און אַלדאָס פאַראַנענע האָט ניידוסן באַצויבערט און פאַרבלענדט; ער האָט זיך טאַקע פאַרבליניעט מיט דער עשירות, פאַרשיכורט מיט די ריחות; ער האָט אָבער אויך באַוויזן אַרויסצוכישופן פון אַלץ יענע פילפאַרביקייט, באַוועגלעכקייט, ריטמישקייט, שיינקייט, מוזיקאַלישקייט, וואָס איז בנימצא און איז ביכולת צו לעבן בלויז אַ דאַנק די וואַרעמענדיקע שטראַלן פון דער זון.

ס׳איז דאָ אין אים אַ ניצוץ פון שעללים נטיה און באַגייסטערונג פאַר דער נאַטור, אויך זיין עטערישקייט. איז אים געווען באַקאַנט דער דאָזיקער האַרציקער פּאָעט, „דער דעראָבערער פון אַן אידעאַלער וועלט“? שווער צו ענטפערן אויף אָט דער פראַגע. צווישן די מייסטערהאַפטע איבערדיכטונגען אין בוך „פון וועלטפּאַרנאַס“ געפינט מען אויך שעללים באַרימטן שיר „פילאָזאָפיע פון ליבע“. עס זאָל אָבער זיין קענטיק אַ דירעקטע השפעה פונעם דאָזיקן זשעני, דעם שטאָלצן מורד קעגן דער היפּאָקריטישער גע־

זעלשאַפט, גרויסן מענטשנפרײַנד און באַזינגער פון גרענעצלאָזער פרײַהײַט — דאָס נישט. לייב נײַדוסעס פּאָעטישער אידעאַל איז גיכער ענלעך אויף קיטס'. ריינע קונסט.

אָן עכטע, פּילפּאַרביקע, זון־שימערירנדיקע נאַטור דאַרף מען נאָך אַלץ זוכן בײַ לייב נײַדוסן. ער האָט געשפּילט אויף פּאַנס פלייט און אַרײַנגעהויכט לעבן אין דער אומגעבונג. דאָס מינדסטע שפּראָצל באַזעלט, באַלעבט. אַלע מענטשלעכע געפילן, די פּאַר־שידנסטע דינסטע ניואַנסן, רעגונגען און וויברירונגען, אַלע מענטשלעכע לײַדנשאַפטן, באַגערן און שטרעבונגען האָבן פּאָרט באַקומען בײַ אים זייער צאַרטסטן און גלײַכצײַטיק עכטסטן און העכסטן אויסדרוק, פולן תיקון. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ געזען דורך דער פּריזמע פון אַ ראָמאַנטישן ליריקער, וואָס טרוימט איי־ביק וועגן נישטדאָיִקס, וועגן ווײַטע ווײַטן. ווײַל אַלע מיטלען האָט ער געהאַט זיי אויסצודריקן: דעם גרעסטן אוצר, וואָס בלויז די פאַנטאַזיע קען זיך עס פאַרשטעלן, פון שפּראַך, ריטם, קלאַנג, גראַם — אינעווייניקסטן און אויסנווייניקסטן —, פאָרם, פאַרב („מאָזאַיִש־פאַרביק שטראַלט מײַן יעדער טאָן!" — זאָגט ער), און איבער אַלץ — מוזיק. מוזיקאַלישקײַט פון וואָרט, באַגריף, מוזי־קאַלישקײַט פון פאַרב, אימאַזש, מוזיקאַלישקײַט פון געפיל און — יאָ, יאָ — מוזיקאַלישקײַט פון געדאַנק. און דאָס אַלץ אין פּערפעק־טער געטלעכער האַרמאָניע.

געוועזן אַן איידעלער, ראַפינירטער און טרוימישער גײַסט, אויסגעטאָן פון די טאָג־טעגלעכע שטרײַטיקײַטן און איבלען. האָט ער אויסגעלעבט דאָס ביסעלע גוטס, וואָס עס האָט געהאַט זײַן צײַט (די גראָע ערב־ און ווילדע באַרבאַרישע מילחמה־יאָרן) און אויסגעהויכט די טיף־פילנדיקע און שטאַרק־לײַדנדיקע, כאָטש פרייִדפולע, באַגײַסטערטע און צעשטראַלטע, נאָך שיינקײַטן גאַרנ־דיקע לויטערע נשמה. געשטאָרבן צו אונדזער אַלעמענס פאַרלוסט און צום אומפאַרריכטלעכן שאָדן פון דער יִדישער ליטעראַטור.

די פאַרדינסטן פון דעם דאָזיקן מענעסטרעל זײַנען אײַנ־לשערדיקע.